NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03562

DER ARENDAR

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „מעשה'ליך".

י. ל. פרץ.

דער ארענדיאר.

הערויסגעגעבען — פון מ. בירנבוים.

ווארשע, 1912

אין פוילן, דער מדינה אונטער צווזמער, וואס ביי דער ווייכסעל, האט געלעבט א יוד אנ׳ ארענדאר.

איז דער ארענדאר געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ, און דער פריץ איז א גרויסער מאגנאט געווען, איז ער, דער ארענדאר, געקומען צו גרויס עשירות.

האט ער געהאט פאלווארקעס מיט וואלד און פעלד און הערשאפטען פון שאף און רינדער, און ברויהויזער, און מיהלען, אויף וואסער און ווינד, און מזומנים גאר פיעל, א חוץ חובות ביי לייט...

מילא, אז זיין לעבער נאמען שענקט מזל׳ איז אודאי גוט. איז אבער דער יוד א גראב נפש געווען, און א קמצן א גרויסער, און נישט געוואוסט

פון קײן צדקה: נישט מיד ליד, נישט מאיר בעל־הנס, נישט מעות חטין, גאָרנישט, — און לאָזט נישט קײן אורח איבער דער שוועל

אַ ווײַב האָט ער געהאַט דווקא אַן אשה צנועה וחשובה, פלעגט ער איהר אָנטהון געבּרענטע לײַד פאַר אַ גראָשען צדקה, וואָס זי פלעגט טהון אונטער זײַן וויסען; פײַניגען פלעגט ער זי דערפאַר.

וואוילע קינדער האָט ער געהאַט, אַ פּנים — אין דער מוטער אַרײַן געראָטען, — האָט ער די יונגלעך אין חדרים אַרײַן, אין שטאָדט אַרײַן נישט געשיקט, עס זענען איהם די פערד אַ שאָד געווען; און בײַ זיך קײן רעכטען מלמד נישט געהאַלטען, נור אַ בעהעלפער בּחצי חנם, וואָס האָט זײ קוים עבֿרי אויסגעלערנט.

האָט פון דעם די אײ[illegible]נגאָך מעהר צער געהאַט.

פלעגט זי גאַנצענע טעג ווערגען זיך מיט די טרערען אין האַלז, בײַ־נאַכט מיט די טרערען די שטילע אויסנעצען די קישענס; און ערשט ימים נוראים, אַז מען פלעגט קומען אין שטאָדט אַרײַן, האָט זי אין ווײַבער־שוהל זיך רעכט אויס־

געוויינט דאָס האַרץ, קוים־קוים די וועלט אײַנ־געריסען.

און אַ תּפילה אַן׳אײן־אײנציגע האָט זי געהאַט אויף די ליפּען און אין׳ם צעוועהטאָגטען האַרץ: זאָל זײַן ליעבער נאָמען זיך מרחם זײַן אויף איהר מאַן און זאָל איבערבײַטען דאָס האַרץ צום גוטען; ער זאָל תּשובה טהון; נישט זײַן אַזוי אײַנגעטהון אין דער תּאוה פון עשירות און אין עולם הזה; זאָל ער די נשמה אויך ניט פערגעסען, זי זאָל, חס־ושלום, אַז עס וועט קומען די צײַט, נישט פערפאַלען ווערען אויף כּף הקלע... און זאָל ער מחנך זײַן די קינדערלעך לתורה, לחופּה ולמעשׂים טובים...

וואָס קאָן מעהר טהון אַ צובראָכען האַרץ פון אַ יודענע?

II.

איינמאָל, פרײַטאָג בײַ־טאָג, און זומערלעב איז עס געווען, — אַ טאָג אַ גאָלדענער, זיצט די

גאַנצע מִשְׁפָּחָה דעם אַרענדאַר׳ם מיט איהם אויבען-אָן בײַם אָנבײַסען אונטער׳ן פרײַען הימעל, אין גערטיל בײַם הויז, אין שאָטען פון אַ געדיכטען דעמב: אַ דעמב — אַ ריעז איז אינ׳ם גערטיל גע-שטאַנען, — און געדעקט איז דער טיש אונטער׳ן דעמב מיט כל־טוב געווען: פיש, פלײש, און צימעס, און אַ שטרודעל אַ פײַנס, בײַם פּריץ אויסגעלערנט. און אַ פלעשיל אַלטען מעד, כּיד הַגְּבִיר.

זיצט ער, דער אַרענדאַר, און עסט און שעפּט נחת פון דער אַבֿילה, און פערטרינקט מיט׳ן אַלטען מעד, — בעווײַזט זיך, פון צווישען די בוימער אין גערטיל, אַ געהער, מיט אַ פּעקיל סחורה אויף די אַקסעל.

וואָס טראָגט אַרום אַ געהער? בענדער און בענדליך, קעמעלעך, נאָדלען און האָהר־נאָדלען, און שפּיעלצײַג פאַר קינדער... וכדומה אַזוינע זאַכען...

לאָזט ער דאָס פּעקיל פון די פּלײצעס אַראָב, גלײַכט זיך קוים אויס... אַן אַלטער, גראָהער

ייִד געווען, — און בעט זיך, מען זאָל עפּעס ביַי איהם אָפּקויפען...

ענטפערט מען נישט... די וויַל נעבעך, האָט ער שוין אויף איהר אַ בייִזען בליק געוואָרפען...

— די זון איז שוין אַזוי הויך — בעט זיך דער געהער, — און איך האָב נאָך אויף שבת קיין סימן און קיין צייכען נישט. —

— אַוועק! טריַיבּט דער אַרענדאַר, טרינ=קענדיג...

— שענקט מיר האָטש — בעט זיך וויַיטער דער געהער — אַ ביסען אין מויל אַריַין. די נשמה צו דערחאַפּען... האָטש וואַסער אַ טראָפּען, ס'ברענט די היץ...

שלינגט די אשה די געזאַלצענע טרעהרען; די קינדער קאָנען נישט צוועהן דאָס רחמנות און געהען אַוועק פון טיש טיעפער אין גערטיל אַריַין, און דער קמצן, דער אַרענדאַר, שפּרינגט אויף מיט גרויס גרימצאָרען:

— בעטלער, קבצנים, האָב איך פיַינט, הערסט?! כ'רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר אַ ביין!

הויבט דער גאָהער צוריק אויף דאָס פּעקיל אויף די פּלייצעס, קרעכצט אָב און, איידער ער געהט אַוועק, פרעגט ער:

— און פאַר גאָט, אַרענדאַר, האָט איהר גאָר קיין מורא נישט?

וואָס קאָן איהם גאָט טהון? וועט ער שיקען אַ פייער פון הימעל און אַוועקשיקען די הייזער, ברויהייזער און די מיהלען, מיט די שפּייכלערס מיט תבואות — מיט'ן רויך, בלייבען איהם נאָך אַלץ די פּאָלווארקעס מיט וואַלד און פעלד...

און דער אַלטער מעד שטייגט אַלץ מעהר און מעהר אין קאָפּ אַריין. און ער בעריהמט זיך ווייטער:

און זאָל ער יאָהרען־לאַנג נישט לאָזען וואַקסען אין פעלד, האָט ער אַלץ נאָך איבער־גענוג: מזומנים אין קאַסע, וועקסלען אין טייסטער...

און זאָל ער שיקען גנבים און אויסברעכען די קאַסע און צונעהמען אַלץ... מאַהנט ער אַלץ די חובות אָב... זיין פּריץ איז דער שופט, און וועט איהם גלויבען אויפ'ן וואָרט.

צעווײנט זיך די אָרימע אִשָׁה, די ווערטער הערענדיג, אויף אַ קול, און געהט אַוועק פון טיש... צולאַכט זיך דער געהער און נעהמט זײַן וועג און פערשווינדט צווישען די בוימער. און דעם אַרענדאַר ווערט עפּיס אין אַלע אֵבָרים הײַם, נעהמט ער אַ האַנדטוך פון שטוב אַרויס און געהט זיך באָדען צו דער ווײַכסעל...

III.

באָדט ער זיך אַזוי און קיהלט זיך און שעפּט נַחַת פון קאַלטען וואַסער, און שווימט — אַ יונג מיט בײַנער געווען! — מיט'ן וואַסער און קעגען וואַסער, אַרום און אַרום דער וויספּע, וואָס אין דער־מיט פון דער ווײַכסעל, אונטער צווימער, און מאַכט קונצען אַלערלײַ, אויפ'ן רוקען, און טריט־וואַסער, און לעגט „שטילע הענד" —

דערהערט ער פּלוצלונג פון דער וויספּע, פון צווישען די נידריגע בוימלעך, וואָס וואַקסען

דאָרט, אַ פֿויגעל=קול, פֿערנעהמט עס איהם דאָס קול. ער האָט נאָך אַזאַ שפּיעלען פֿון אַ פֿויגעל נישט געהערט...

האָט ער דאָך תּאווה צו אַלץ, מוז ער דעם שפּיעל=פֿויגעל האָבען, אין שטוב אין אַ שטייגעל האַלטען, אַזאַ שפּיעל=פֿויגעל האָט דער פּריץ נישט! שפּרינגט ער אויף דער ווישטע אַרויף — דערזעהט ער דעם פֿויגעל...

אויף אַ צווייגעל פֿון אַ נידריג בוימעל איז דער פֿויגעל געשטאַנען, און, אַ חוץ דעם זיסען קול — אַ פֿויגעל אַ פֿערנעמעניש... אַ גאָלדענער פֿויגעל, און רוהיג שטעהט ער זיך און זינגט זיך זיינס, גלייך ער זעהט זיין שׂונא נישט...

שלייכט ער זיך, דער אַרענדאַר, צום בוימעל צו, און שפּרינגט אונטער מיט איין אויס-געשטרעקט האַנד און כאַפּט לופֿט אין דער פֿויסט אַריין, — דער פֿויגעל האָט זיך איבערגעהיפּט אין דער=שטיל, אויף איין צווייג, אויף אַנ'אַנדער'ן, אויפ'ן בוימעל פֿון דער צווייטער זייט..

געהט ער נאָך, דער אַרענדאַר, שפּרינגט

ער ווײַטער אונטער, היפּט דער פֿויגעל ווײַטער שטיל אַוועק און שטעהט שוין אויף אַנ׳אַנדער בוימעל, שלײַכט ער זיך ווײַטער צו, היפּט דער פֿויגעל, בײַ זײַן שפּרונג, צו אַדריטס אַוועק, און שטעהט שוין ווײַטער און שפּיעלט, שלײַכט ער זיך איהם אַלץ נאָך און נאָך, פֿון צווײַג צו צווײַג, פֿון בוימעל צו בוימעל... ער שפּרינגט, דער פֿויגעל היפּט, ביז ער קומט אין גרויסען בעם אַרײַן און ער רופֿט צום פֿויגעל אויס:

— וואַרט, וואַרט, חאַפּען וועל איך דיך שוין, מיך וועט נישט מיעד מאַכען קײַן פֿויגעלע, נור שוין נישט דײַן זינגען וויל איך צינד, איך האָב דיך שוין פֿײַנט! וואַרגען וועל איך דיך, פֿויגעלע, און וואַרפֿען פֿאַר מײַן הונד...

צולאַכט זיך פּלוצלונג דער פֿויגעל ווי אַ מענש, און גיט אַ שאָס אַרויף אין דער הויך און פֿערשווינדט אונטער׳ן הימעל, — בלײַבט דער אַרענדאַר שטעהן פֿערטומעלט. עס דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז דאָסועלבע קול, מיט וועלכען דער אָרימער גשהער האָט געלאַכט, לאָזט ער

זיך מָרָה־שְׁחוֹרָה׳דיג צוריק אין וואַסער אַריין און שווימט, שוין אָהן גְבוּרוֹת און קונצען, צוריק איבער דער ווייכסעל, צום אָרט, וואו ער האָט זיך אויסגעטהון, און געפינט די זאכען נישט!

IV.

אַז דער אַרענדאַר האָט דערזעהן, אַז די זאכען זענען נישטאָ, האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון אַ גראָב נֶפֶש, אָנגעהויבען צו פלוכען אויף אַ קול.

שילט ער דעם גַנָב, וואָס האָט איהם אי־בערגעלאָזט אין אַזאַ הויט.

דערנאָך לויפט ער אויף־און־אָב ביים ברעג פון דער ווייכסעל, און שרייט, און רופט — ענט־פערט איהם קיינער נישט, נור אַ צוריסען ווידער־קול פון נאָהנטען שיטערן וועלדיל.

די זון האַלט אין זינקען; קיין לעבעדיגע נְשָׁמָה אויף וויזע און פעלד — אָבגעשטילט די אַרבייט.

אַ טראַטווע קומט אָן צושווימען איבער דער ווײַכסעל; פֿון דאָרט וועט ער קיין הילף נישט בעקומען און ער וועט דאָך נישט לויפֿען אַ נאַקעטער איבער דער פֿאָרשטאָדט. און וואָלט געלאָפֿען אויף זײַן ביז־וואונדער; געמײַנט: משוגע געוואָרען דער אַרענדאַר...

דערווײַל דערשפּירט ער הונגער: נאָכ׳ן באָדען מיט שווימען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפֿאַלען אַ קיהלער אָווענד: עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן...

דערמאָהנט ער זיך, אַז הונגער און קעלט זענען צוויי קבצנ׳ישע זאַכען; פֿאַלט איהם אָן אַ גרימצאָרן אויף זיך אַלײַן, ווי לאָזט זיך אַ מענש אַזוי אַראָבפֿיהרען פֿון וועג פֿון אַ נאַרישען פֿויגעלע; בײַסט ער זיך די נעגעל פֿאַר כּעס, רײַסט ער זיך באָרד און פּאות, און פֿאַלט אויף דער ערד פֿאַר גרויס צער...

און די אַראָבגעלאָזטע זון קוקט פֿון דער ווײַכסעל אַרויס מיט אַ ברענענדיגער ראַנד, גלײַך

זי שפּעט אויס איהם!

און אין פאַרשטאָדט צינדען זיך דערווייל אָן פאַמעליך די קליינע פויערישע פענסטערלעך, פרעהליך טאַנצען די פייערלעך, ווי איהם אויף להכעיס... דעמגלייכען הויבען אָן בלאַנקען די שויבען פון די יודישע הייזער אויפ׳ן רוקען פון בערגיל, און אַזוי נחת׳דיג־שבת׳דיג — און אויך די שווימענדע טראַמוועס טאַנצען די פלעמעלעך פון לאַמטערן און פייערלעך — צוריי'צט עס איהם נאָך מעהר...

איז וועניג, שווימען אָן אין דער שטילקייט קלאַנגען פון אַלע זייטען: פון שטאָדט — „קבלת־שבת", פון פאַרשטאָדט — די ליעדער פון פויערישען יונגוואַרג אין גאַס, אויף אַ טראַמוועס שפּיעלט עמיץ אויף אַ מאַנדאָלינע, אַ פייפעריל העלפט אונטער...

און ער מוז דאָ ליעגען אין געהאַקטע צרות...

וואַרפט ער זיך אַזוי לאַנג אויף דער ערד, ביז אַלץ איז שטיל און אויסגעלאָשען געוואָרען. דעמאָלט ערשט הויבט ער זיך אויף און לויפט

אויף אונטער=וועגען, איבער די ווינען, אַהיים,
נעך=אַרויס, נעך=אַריין...

קומט ער, אָהן אָטעם און קוים אַ לעבעדיגער
צו צום הויז, איז עס שוין איינגעהילט אין חושך:
טהיר און טויער פערד.אַמערט; די פענסטער —
פערמאַכט און פון אינווייניג פערלאָרענט...

פאַלט ער נאָך מעהר אין רציחה אַריין:

— חאָליען שוין; נישט געוואָרט אויפ'ן בעל־הבית!

ער וועט זיך שוין אָברעכענען מיט אַלע;
מיט דער פלונית'טע דער עיקר... דעם משרת
וועט ער אַרויסטרייבען ווי אַ הונד...

און גיט אַ לויף צו צום טויער, און הויבט
אָן קלאַפּען מיט די פויסטען.

לויפט אַרויס פון קיך אויפ'ן הויף אַרויס
דער משרת מיט אַ געשריי:

— עה, דו, שלעפער איינער! דאָ איז נישט
קיין אורחים=הויז! דער בעל־הבית וועט דערהערען,
הייסט ער דיר ברעכען אַ ביין!

פאַלט עס דעם אַרענדאַר, ווי אַ בליי אויפ'ן

האַרץ; די ווערטער האָט ער דעם אָרימען געהער
געזאָגט: ער וועט איהם היינטען ברעכען אַ ביין!

דערווייל איז דער מְשָׁרֵת צוגעקומען צום
טויער און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע, דער־
זעהט ער אַ נאַקעטען, האָפּט ער זיך אָן בײַ די
זייטען פאַר געלעכטער:

— אַ נאַקעטע מְשׁוּגַעַת, חאַ־חאַ־חאַ!

לאָזען דעם אַרענדאַר אין די אויערן: דער
מְשָׁרֵת, דער געהער און דער פויגעל צוזאַמען.
לויפט ער אַוועק צום פענסטער פון זיין שלאָף־
שטוב —

— גיטעלע, — קלאַפּט ער אָן, — גיטעלע,
עפען מיר אויף...

דערהערט ער, ווי אַ קול פון אַ מאַנספּער־
שוין, נור עפּיס אַזוי ענהליך צו זיין אייגען קול,
פרעגט ער מיט גרויס וואונדער:

— גיטעלע, ווער קאָן דיך עס רופען בײַ־
נאַכט? און אירצט דיך אָפּילו נישט?...

— כ'ווייס נישט, מיין מאַן — הערט ער
גיטעלעס ענטפער, — עפען־אויף לאָדען און פענסטער,

און גיב אַ קוק, — אֶפְשָׁר האָט זײַן ליעבּער נאָמען, וואָס האָט דיך איבּערגעבּיטען, דיר אַ מִצְוָה צו־געשיקט...

„איבּערגעבּיטען? ווען, ווי אַזוי פֿערבּיטען?“ אַרבּײַט אומזיסט דעם אַרענדאַר׳ס קאָפּ, און דערווײַל עפֿענט זיך פֿון אינווייניג דער לאָדען, דערנאָך דאָס פֿענסטער, און עמיץ קוקט אַרויס.

ווערט דער אַרענדאַר שוין גאָר צוטומעלט: זײַן פָּנִים, זײַן העמד, רויט אויסגענייִהט, אויך נאָכגעמאַכט דעם פְּרִיץ, און זײַן שלאָף־מיצעל מיט׳ן זילבּערנעם קווייטעל —

און יענער זאָגט:

— גֵעה נישט צו, גיטעלע, עפּיס אַ נאַקעט מְשׁוּגַעת... דערלאַנג מיר פֿאַר איהם עפּיס די חֶרְפָּה צו צודעקין; נור אַלטוואַרג, ער ווערט זיי סײַ־ווי צורײַסען, אַז גאָט שטראָפֿט מיט אַ מְשׁוּגַעת — אַ העמד, אַ פּאָר פּלודערן... און אַ היטעל; מיט׳ן בּלויזען קאָפּ איז ער אויך — און אַ חַלָּה, גיטעלע — ער איז אַוודאַי אויסגעהונגערט אויך...

שטעהט דער אַרענדאַר פֿערשטיינערט און

זעהט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, ווי מען וואַרפט איהם דאָס אַלץ אַרויס; און דאָס פענסטער ווערט באַלד פערמאַכט און פערלאָדענט...

— אַנ׳ אומגליק האָט מיך געטראָפען — ברעכט זיך דער אַרענדאַר די הענד, — עפּיס אַ שווינדלער איז געקומען, פערשטעלט זיך און צוגענומען מיין האָב־און־גאָב...

לויפט ער אַוועק צום לאָדען פון דער קינדער־שטוב, קלאַפּט ער און רופט...

יענקעלע, משה׳לע, שיינדעלע, אייער מאַמע קלאַפט, עפענט־אויף, ס׳האָט איהם איין אומגליק געטראָפען...

זענען נאָך, אַ פּנים, די קינדער נישט געשלאָפען.

ענטפערט יענקעלע פון בעט אַרויס:

— מאַכט נישט קיין חוזק, יוד... מיין טאַטע איז ערשט די רגע דאָ געווען... די קישענס מיר פערריכט...

און משה׳לע:

— מיט מיר קריאת־שמע געלייענט...

און שיינדעלע:

— און אונז אַלע דרײַ צום ערשטען מאָל געקושט ... אַ „גוטע־נאַכט" געזאָגט ...

— מיט מיר וועט ער אַלע אָווענד קְרִיאַת־שְׁמַע לײַענען! — בעריהמט זיך משֶׁה'לע.

— און הײַנט אין שטאָדט געוועזן, אַ גוטען מְלַמֵּד בעשטעלט, ר'וועט קומען מוֹצָאֵי־שַׁבָּת, נאָך הַבְדָלָה...

און שײַנדעלע זאָגט נאָך אַ יִשוּב:

— הערט, ר' יוד! נאַרען דאַרף מען ניט... נור אויב עס פעהלט אײַך עפּיס, — האָט קײַן מוֹרָא נישט, קלאַפּט אָן בײַם מאַטישעס פענסטער...

— גאָט, בָּרוּךְ־הוּא, האָט אויסגעהערט דער מאַמעס געבעט און דעם טאַטען איבערגעבעטען, אַ גוטען, וואוילען טאַטען האָבען מיר!

„שלעכט, דאָ איז עפּיס אַ שווינדעל געשעהן! — פּלאַמט אויף אין אַרענדאַר'ס מוֹחַ — מען מוז, האָטש האַלבער נאַכט, לויפען צום פּריץ! עס איז זײַן זאַך, ער איז דאָך שׁוֹפֵט! ער מוז העלפען!

וועט ער דאָך נישט לויפען נאַקעט, און די געדערים ליעגען איהם נישט אויף אײַן אָרט, לויפט

ער צוריק צום ערשטען פענסטער, כאַפּט און מאַכט צוויי-דריי בים פון קוילעטש, ציהט אויף זיך אַרויף די בגדים — און ער לויפט, לויפט איבער'ן גערטיל און שלאָגט זיך אין איילעניש אָן אָן אַ בוים; פּונקט אָן דעם בוים, אונטער וועלכען דער אָרימער גֶעהער איז געשטאַנען.

— תּלין מײַנער! — שרייט ער אויס, גלייך יענער וואָלט נאָך דאָרט געשטאַנען, און לויפט צום פּריץ.

צום פּריץ'ס הויף איז אַ מהלך, זומער איז די נאַכט נישט קיין גרויסע, קומט ער אָן שוין פאַר-טאָג צום הויף.

זעהט ער דורך די אייזערנע שטאַכעטען, אַז דער פּאַלאַץ איז בעלויכט, עס רודערט זיך אין פּאַלאַץ, אין גרויסען ברייטען הויף שטעהט געשפּאַנט דעם פּריץ'ס קאָטש, די פערד הירזשען און קלאַפּען מיט די פּאָדקאָוועס אָן די שטיינער — דער פּריץ זעצט זיך אויף, מען עפענט דעם טויער, — אַרום דער קאָטש רייטען פיעל פון פּריץ'ס קאָזאַקלעך מיט שטורקאַצען אין די הענד, נאָך דער קאָטש — די רעשט —

מען פֿאָהרט אַרויס — —

דער אַרענדאַר קלערט נישט לאַנג, גיט זיך אַ וואָרף פֿאַר די פֿערד אין דער ברייט, דער שמייסער האָט קוים אײַנגעהאַלטען די פֿערד.

— וואָס איז? פֿרעגט דער פּריץ פֿון קאָטש אַרויס.

לויפֿט צו צום אַרענדאַר אַ קאָזאַק מיט אַ שטורקאַץ און ענטפֿערט אין קאָטש אַרײַן:

— עפּיס אַן אָרימער יוד!

שפּרינגט אויף דער אַרענדאַר:

— פּריץ, דײַן אַרענדאַר, מיט אַ נויטיג מִשְׁפָּט... אַ גַנָב, אַ שווינדלער —

— ווער עס איז, — ענטפֿערט דער פּריץ בייז, איך פֿאָהר קיין וואַרשאַ, — זאָל ער געהן צום רָב... טרײַבט איהם פֿון וועג...

קאַרגען די קאָזאַקלעך פֿאַר אַ יוד קיין נאַגײַ־קעס נישט; קאַלערט זיך דער אַרענדאַר אונטער די שמיץ פֿון וועג אַראָב אין ראָוו אַרײַן...

די קאָטש איז אַוועק...

שטיל געוואָרען. און דער געשמיסענער,

צוזשהמאַטער אַרענדאַר שלאָפט איין אין ראָוו ביים וועג.

V.

נישט לאַנג איז דער אַרענדער געשלאָפען אין ראָוו...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

וואָס טהוט ער דאָ? וואָס ברעכען איהם אַזוי אַלע ביינער? וואָס איז ער עס געלעגען און געשלאָפען אין ראָוו, און וואָס פאַר קליידער טראָגט ער עם? וואָס פאַר אַ בייזער חלום חלומ'ט זיך איהם?

פליהט אַ פויגעלע נידריג פאַרביי, מאַכט אַ ראַד אַרום זיין קאָפּ, קוקט איהם מיט לאַבעדיגע אויגעלעך גלייך אין פּנים אַריין, און ער דערמאָהנט זיך אַלעס מיט אַמאָל און חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ...

מען האָט איהם בעגנב'עט און בעשווינדעלט, און דער פּריץ, דער שופט, איז אַוועק קיין וואַרשא און איבערגעלאָזט איהם, ווי אַ יתום...

פאַלט איהם איַין: זאָל ער האָטש אָבראַ־טעווען דערווײַל די חובֿות בײַ לײַט.

לויפט ער אין פאָרשטאָדט אַרײַן, קלאַפּט אָן בײַם ערשטען־בעסטען פויערישען בעל־חוב —

— עה, וואַסיל, כ׳דאַרף גראָד נויטיג געלד, גיב מיר אָב דעם חוב, האָטש אַ ראַטע אויף׳ן חוב —

קוקט וואַסיל דורכ׳ן פֿענסטער׳ל אַרויס און פרעגט:

— ווער ביזטו, יוד? וואָס פאַר אַ חוב האָסטו בײַ מיר?

— דערקענסט מיך נישט, איך בין דאָך דער אַרענדאַר!

צולאַכט זיך וואַסיל אויף אַ קול און קומט אַרויס מיט דער גאַנצער מִשְׁפָּחָה פאַר דער טהיר.

— געפֿעלט אײַך — פרעגט ער — אַזאַ מְשׁוּגַעַת? טראָג דיך אָב, איך רײַץ אויף דיר אָן די הינד...

לויפט דער אַרענדאַר צום צווײַטען בעל־חוב. טרעפט ער איהם שוין אַרויסגעהן פון שטוב מיט גראַבלעס צום היי, — דערזעהט יענער איהם,

איילט יענער צו צום פענסטער, פויקט מיט די פינגער אין שטוב אריין און רופט:

— עה, קינדער, קומט ארויס, וועט איהר זעהן א משוגע'נעם.

און אזוי איבער דער גאנצער פארשטאדט. מען לויפט אויף זיין ביין וואונדער; מען ווארפט איהם נאך שטיינער און שטעקענס; די הינד רייסען איהם די פאלעס; קוים א לעבעדיגער איז ער פון פארשטאדט ארויס, און שטאדט אריין געקומען, און לויפט צו די יודישע בעלי־חובות...

און ער האט שוין די הענה נישט צו זאגען, אז ער איז דער ארענדאר, זאגט ער, דער ארענדאר האט איהם געשיקט נאך געלד, און גיט סימנים, אמת'ע סימנים, טרייבט מען איהם פון טהיר צו טהיר ווי א משוגע — א יוד זאל מאהנען געלד אום שבת...

זעהט ער, אז ער איז אינגאנצען פערלוירען, ועצט ער זיך אנידער אין מיטען מארק אויף א שטיין און וויינט אין הארץ אין דער־שטיל, מיט טרוקענע אויגען —

דער עולם גערהט פארביי דאוונען, ווייזט אויף איהם איינער דעם צווייטען:

— נעבּיך, אַ משוגע'נער יוד... ווער ווייסט, פון וואַנען?...

יונגלעך שטעלען זיך אָב... אַנדערע שלעכטע ווארטען, די עלטערע זאָלען אַוועקגעהן אין שוהל אריין, וועלען זיי זיך נעהמען צום משוגעת... מען זאמעלט שוין שטיינדלעך אין די טאַשען אריין.

נעהמט ער און אַנטלויפט באַצייטענס באַרג צראָב, צום וואַסער־צו, דערזעהט ער זיך אין'ם וואַסער, דערזעהט ער, ווי ער זעהט אויס, צע־ווארפען די האָהר, צוקנייטשט און צוקנוידערט דאָס פּנים, איינגעפאַלענע ברענענדיגע אויגען, און עפּים גראָהער איז ער געוואָרען איבער־נאַכט — און עס חאַפּט איהם אָן אַ גרויל: עפּים איז ער אַזוי עהנליך געוואָרען צום אָרימען געהער, וואָס ער האָט פערטריבען...

לויפט ער ווי משוגע בּיים ברעג פון דער ווייכסעל אויף־און־אָב, אויף־און־אָב, ביז דער שבת איז אַוועק, די זון איז אונטערגעגאַנגען, —

דערמאָהנט ער זיך, אַז דער פּרינץ האָט איהם געהייסען געהן צום רב, ער וועט דעם פּרינץ פאָלגען, ער האָט קיין אַנדער עצה נישט,— לויפט ער צוריק אין שטאָדט אַריין צום רב, געהט דער רב אַרום איבער דער שטוב— ערשט נאָך הבדלה.

רבי, איהר מוזט מיך ראַטעווען!

דערלאַנגט איהם דער רב קודם־כל— „שלום“ און פרעגט: ווער ער איז?

שמאָמעלט ער:

— דער אַרענדאַר...

ער איז שוין אַליין נישט זיכער צי ער איז עס באמת...

בעט איהם דער רב זיצען און זאָגט איהם אַזוי...

— „אונזער אַרענדאַר איז ביי מיר געוועזען פרייטאָג נאָכ'ן אָנבייסען... ער האָט זיך שטאַרק געענדערט, דער אַרענדאַר; גאָר אַ יודישער מענש געוואָרען“...

„איבערגעלאָזט גרויס געלד פאַר אָרימעלייט; פאַר תלמוד־תורה־קינדער אויף הלבשה...“

„צוגעזאָגט צו פערריכטען די שוהל...

„געבעטען מיך, איך זאָל איהם אַרויסשיקען אַ גוטען מְלַמֵד פאַר די קינדער..."

דערמאָהנט זיך דער אַרענדאַר אָן די קינדער'ס רייד און עס חאַפּט איהם אָן אַ ספּאַזם אין האַלז, און ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברייננגען ——

און דער אַלטער רֶבּ נעהמט אין איין האַנד ביידע שפּיצען פון דער גראָהער באָרד און קוקט אויף איהם אַ לאַנגע ווײַלע מיט באַרמהאַרציגע אויגען, און לְסוֹף זאָגט ער:

— דער אַרענדאַר װעט איהר נ י ש ט...

„אֶלָא מַאי, איהר האָט אַן איינרייזעניש... אויך אַ שטראָף פון זיין ליעבען נאָמען..."

— רֶבִּי'צין — רופט דער רֶבּ אין דער צווייטער שטוב אַריין — גיב דעם יוד אַגלעזעל וואַרימס, און אַז ער וועט עס אויסטרינקען, זאָג דעם שַמָש, ער זאָל איהם אָבפיהרען אין הֶקְדֵש אַריין און מאַכען איהם אַ בעט צו שלאָפען... איך מוז געהן וועגען אַ מְלַמֵד פאַר'ן אַרענדאַר...

און שפּעטער, אַז דער שַמָש איז צוגעקומען,

האָט זיך דער אַרענדאַר שטילערהייד אונטער־געגעבען און געלאָזט זיך פיהרען אין אורחים־הויז אַריין...

VI.

דער אַרענדאַר האָט זיך אונטערגעבען.

ער האָט פערשטאַנען, אַז זיין ליעבער נאָמען האָט איהם געשטראָפט פאַר די רייד...

ער האָט טאַקע ביי איהם נישט צוגענומען דאָס פערמעגען, פאַר דעם אָבער — איהם פון פערמעגען...

פערפאַלען...

און שוין יאָהרען־לאַנג, אַז ער גייט אַרום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פון ישוב צו ישוב, פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר, מיט אַ ביטעלע אויף „גדולים *) און „פרוטות” אין קעשענע און אַ טאַרבע אויף שטיקלעך ברויט און חלה איבער'ן האַלז.

*) גראָשענס.

ווער ווייסט, ווער ער איז, פון וועמען ער שטאמט, פון וואנען ער קומט... ער האט מיט דער צייט זיין נאמען פארגעסן; מען רופט איהם: שנ״ל-משוגעת, איז דאס זיין נאמען...

נאך א צייט מיט יאהרען איז ארויס א קלאנג, אז ערגיץ אין דער סביבה וועט זיין זעהר א רייכע חתונה, מיט א גרויסער ארימער סעודה; קלויבט זיך די חברה-קבצנים צו דער חתונה, געהט "שטיל-משוגעת" מיט...

קומען זיי אין דער שטאדט אריין, וואס איז געווען האלב-וועגס צווישען די מחותנים, זענען זיי אקוראט געקומען: קוים צייט געהאט צו לויפען אין מרחץ אריין, זיך אויסצוואשען, די בערד אויסצוקעמען און אבריינגען די מלבושים. די ארימע סעודה איז גרייט, אין א סאלע די טישען געדעקט, מיט אלעם גוטען — צוויי פעסער ביער געעפענט, א פאס מעד, א חויץ פלעשער מיט וויין און בראנפען...

זעצט מען זיך ארום די טישען.

דער מחותן מיט דער מחותנת'טע און די

כַּלָה אין דער מיט — אויבן־אָן; די סְעוּדָה איז געווען פֿון כַּלָה־צַד...

זיצט „שטיל־מְשוּגַעַת" און וואַרפֿט אַן אויג אויפֿ'ן טיש: בעקאַנטע טעלער, בעקאַנטע מעסער און גאָפּעל, און לעפֿעל... ער קוקט זיך בעסער צו: זיינע אותיות ביי דער פֿריוו...

הערט ער, ווי די מְחוּתֶּנֶת'טע זאָגט:

— עסט, יודען, און טרינקט געזונטערהייד, און בענשט מיר די כַּלָה מיינע, און ווינשט גוטע יאָהרען דעם זווג...

דערקענט ער דאָס קול... גיטעלע'ס קול...

הויבט ער די אויגען אויף: זיין טאָכטער שיינדעלע איז די כַּלָה —

— לְחַיִים, יודען, לְחַיִים! —

רופֿט דער מְחוּתָּן — דאָס איז זיין אייגען קול פֿון אַמאָל...

דערשרעקט ער זיך, ווערט איהם נישט גוט, פֿאַלט ער אַרונטער אויפ'ן אָנלעהן פֿון בייִנקעל.—

זאָגט דער מְחוּתָּן צו צוויי פֿון די סאַרווערס, וואָס דרעהען זיך אַרום טיש:



— נעהמט דעם יוד, וואָס עס איז איהם נישט גוט געוואָרען, אין דער שטוב אַריין, וואו עס ברענט אין אויווען, און טהוט איהם אויס, און לעגט איהם אין בעט אַריין... און איך וועל נאָכקומען זעהן, צי מען וועט, חס־ושלום, נישט דאַרפען אַ מומחה — אַ רופא, צי אַ דאָקטאָר...

קרימען זיך די סאַרוועררס אַ ביסעל — נור אַז דער מחותן הייסט, פאָלגט מען...

אין אַ מינוט אַרום, ליעגט שוין דער אַרענדאַר אין זיין שטוב, אין זיין בעט, אויף זיין קישען, אונטער זיין איבערבעט, און קוקט פערדולט אין פייער פון אויווען אַריין... איז עס אַ בייזער ווילדער חלום געוועזען?...

די סאַרוועררס געהען, דער מחותן קומט אַריין און פרעגט:

— נו, פעהלט אייך עפּיס, אורח־לעב?

— ניין... און פערמאַכט די אויגען פון שרעק פאַר "יענעם"...

און נאָך אַ מינוט מאַכט ער מיט פערמאַכטע אויגען:

— איך וויל אײַך עפּיס בעטען, בּעל־הבּית, איהר זאָלט אויף מיר קײן פאַראיבּעל נישט האָבּען ...

— חס־וְשלום, בּעט, וואָס איהר ווילט... דאָס גרעסטע נחת פון אַ מענש איז, אויבּ ער קאָן עפּיס צוליעבּ טהון אַ צווייטען ...

קרעכצט דער בּעטלער אָבּ און זאָגט:

— ווער איז עס דער חתן אייערער?

— ער פּאַסט צו דער כּלה — ענטפערט דער מחותּן, גאָרנישט פערוואונדערט אויף דער שאלה — אַ רב'ס אַ זוהן, אַליין אַ למדן אַ גרויסער, און אַ מזג טוב — מיט אַלע מעלות...

— מעג איך שוין שטאַרבּען! — זאָגט דער בּעטלער און הויבּט אָן ציטערן אויפ'ן גאַנצען לייבּ.

— ניין, אורח־לעבּ — זאָגט דער מחותּן... מען שטערט נישט קיין יורישע שמחה, מען שטאַרבּט נאָך נישט... אייך איז נור קאַלט. זעהט, וואָס איך טהו...

און ער חאַפּט דעם אורח'ס אָנטהון פון בּיינקעל אַראָבּ, און וואַרפט אין פייער אַריין ...

— איהר — זאָגט ער, אַז דאָס פּעטע אָנטהון צו־פּלאַקערט זיך אויפ'ן פײַער — וועט נעהמען אויף זיך מײַנע, דאָס הייסט, אײַערע מלבושים — גענוג שוין געליטען...

און כּהרף־עין וואַרפט ער פון זיך די מלבושים אַראָב און ער אַליין פערשווינדט...

פערשטעהט שוין דער געוועזענער אַרענדאַר, וואָס דאָס בעטײַט, בענײַען זיך איהם די כּחות שפּרינגט ער אַרויס פון בעט, חאַפּט אויף זיך די קליידער, און לויפט אַרויס — אַ מחותּן צו די אָרימע געסט...

זאָגט גיטעלע:

— נו! מײַן מאַן, נישט גלײַכער אַזוי?

און שײַנדעלע פאַלט איהם אויפ'ן האַלז!

— טאַטישי! וועסט שוין אײביג זײַן אַ גוטער...

און קראַנקען אָרימאַן האָבען עפּים אַלע פערגעסען...